בעזהשי"ת
# קינדערגארטן ווינקל
ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת בהר
פרקי אבות - פרק שלישי
שנה ג' - גליון קי"א
י' אייר כ"ה למב"י שנת תשע"א לפ"ק

הדלקת הנרות
7:49
זמן מוצאי שבת
9:17
סוף זמן קרי"ש 8:40

## א שמועס! די קינדער מיט די פיש

**קינדערגארטן:** מיטוואך אינדערפרי רופט מיין רבי אויס מיט א פרייליכע שטימע אז גלייך נאך פרישטאג וועלן מיר פארן אויף א "טריפ"! די שמחה האט אונז שטארק ארום גענומען. **שוין אנפאנג וואך האט דער מנהל אויסגערופן אז די וואך וועט מען אי"ה פארן אויף א טריפ.** און מיר האבן טאקע געטוהן פרעגן: ווי גייט מען פארן? וואס גייט דארט זיין? ענטפערט דער מנהל: מיר וועלן ארום שפאצירן אין א פארק ווי עס איז דא הערליכע שיינעביימער, בלומען, און גראז. און נאך אסאך שיינע זאכן פון דעם באשעפערס וואונדער, אויך איז דארט דא א וואסער ווי פישלעך שווימען ארום. וועלן מיר דארט פרעגן פון די פיש פארוואס זיי קומען נישט אביסעלע ארויס פון וואסער אויף די פרישע לופט? אזוי ווי דער פוקס האט געפרעגט פון די פיש ביי די מעשה וואס מיר לערנען די וואך פון **רבי עקיבא מיט פפוס'ל.** אָה אַה מיר האבן מיט א געוואלדיגע שמחה געגעסן פרישטאג און געדאווענט און דערנאך ארויף אויף די באסעס קיינער שלעפט גארנישט מיט, א מחיה מיר גייען האבן אזא פיינעם טריפ אומגערישט...





**מיר** זענען אנגעקומען צום פארק **"ברוקלין ביטאניקל גארדן"** מיר מארשירן אריין אלע כיתות מיר ווייסן אז אונז דארפן דא מאכן א קידוש השם מען גייט מיט א שורה מיט דרך ארץ. אזויפיל וואונדער הערליכע בלומעלעך, אלע מינים אלע קאלירן, א וואסערל, א בריקעלע, שיינע גראז... אה עס שרייט זיך אויס **"מה רבו מעשיך השם"**... מיר זענען געלאפן, גוזיצן, געליגן זיך געפריידט און צוגעהערט ווי מיין רבי פארציילט אויף יעדע שטיקל פלאץ שיינע אינטרעסאנטע זאכן פון דעם באשעפערס וואונדער, אט אט קומט מען שוין אן צום גרויסן וואסער מיט די פישן, גרויסע און קליינע אויך קאלירטע רויטע און געלע פון אלע מינים. אויף איינמאל פרעגן מיר פון די פיש: פארוואס קומט עטץ נישט אביסעלע ארויס פון וואסער? אויף די פרישע לופט? אבער די פיש האבן אנגעהויבען צו לאכן... און מיין רבי האט געזאגט אז זיי לאכן וייל טאמער וועלן די פיש ארויס קומען פון וואסער וועלן זיי זיכער שטארבן. פיש קענען נישט לעבן, נאר אין וואסער! **און פונקט ווי א פיש קען נישט לעבן אן קיין וואסער אזוי קען א איד נישט לעבן אן תורה!!** דאס טאקע זענען געווען די ווערטער וואס ר' עקיבא האט געזאגט צו פפוס... אה איז דאס געווען א טאג צום געדענקען...

פרי קינדערגארטן טריפ צו "ברוקלין ברידזש פארק"



## א טריפ! צום הערליכן "ברוקלין ברידזש פארק"

**פרי קינדערגארטן:** די וואך זענען מיר שיין באלוינט געווארן מיט גאר א געשמאקע טריפ אויף די פרישע לופט ביים נייעם פארק. מיין רבי האט אונז פארציילט אנפאנג וואך אז וייל מיר זענען זייער וואויל וועלן מיר אי"ה פארן אויף א גוטע טריפ. מיר זענען געווארן גאר פריילך **אָה אַה מיר פארן אויף א "טריפ"!** די שמחה האט אונז שטארק ארום גענומען. וואס גייט מען דארט טוהן? פרעגן מיר פון מיין רבי. האט אונז מיין רבי ערקלערט: עטץ וועטס שוין זעהן! עס איז איינגעטיילט געווארן עטליכע כיתות מאנטאג און עטליכע כיתות דינסטאג זענען מיר אהין געפארן מיטן באס. גלייך ביים אנקומען האבן מיר באקומען א קאפ מיט א לעפל צו שפילן ביי די זאמד. אבער מיין רבי זאגט אן נישט ווארפן זאמד אויף קיינעם חלילה! מען שפילט זיך אזוי שיין און מען גייט ארויף ביי די גליטשער'ס און אזוי אויך ביי די סווינג'ס און ביי די פלאנדזשער סווינג'ס. ביי די טאנעל גליטשער האט מיין רבי געזאגט מיר זאלן ארויף

קריכן מיטן לייטער גאר הויעך ביים טורעם אזוי ווי **"הלל הזקן אויפן דאך"** און דערנאך האבן מיר זיך אראפ געגליטשט איינמאל און נאכאמאל. **א מחיה איז דאס פיין געווען.** יישר כח.

## הלל הזקן ביי אונז אויפן דאך

**נוירסערי:** די וואך ווען מיר האבן געלערנט די מעשה מיט **הלל הזקן** האט מיין רבי ארויף געלייגט א גרויסן בילד פון הלל אויף די דאך פון אונזער חדר. מיר האבן אזוי גוט פארשטאנען און געזעהן ווי אזוי הלל הזקן הערט זיך צו ווי מען לערנט די הייליגע תורה ביי אונזער חדר...

## די קינדער א טייל פון די שמחה



**דינסטאג אינדערפרי** ביי פרישטאג האבן אלע קינדער הויעך געשריגן צום מנהל **"א מזל טוב פאר די נייע אינגעלע בעיבי"** האט אונז דער מנהל געזאגט אז אלע גרויסע קינדער וועלן אי"ה קומען צו די **"קריאת שמע ליינען".** 12 אזייגער אלע גרעסערע כיתות האבן אראפ מארשירט צו די באסעם מיר זענען אזוי פריילך געווען מיט צו האלטן די שמחה ביי די מנהל'ס הויז, ביים אנקומען האבן מיר זיך שיין אויסגע'שורה'ט אין די מנהל'ס הויף מען האט געמאכט א **"קידוש השם"** הויך געליינט **קריאת שמע** און געזונגען פאסיגע ניגונים לכבוד די שיינע שמחה. דערנאך האט דער מנהל געגעבן פאר יעדן איינעם א פעקעלע מיר האבן אים געוואונטשן פיל נחת מיט שמחה. אמן.

## חכמה'לעך לויט די עלטער

**קינדערגארטן:** די וואך ווען מען האט געמאכט דעם "הפקר" סיין רופט זיך אן **יוסף שאול:** אז ער ווייסט פארוואס מען מאכט די וואך די **"הפקר סיין"** ווייל מען לערנט די וואך די אותיות ק' און ר' **און די הפקר סיין האט אויך א ק' מיט א ר'...**

**יענקעלע** זאגט אז וועגן דעם איז מען געפארן צום מנהל'ס קרי"ש ליינען ווייל די וואך לערנט מען די אותיות ק' און ר' און ק' איז **קרי"ש ליינען, און ר' איז דער מנהל רובין...**

ווען מען האט געפרעגט **אליעזר** אויב מ'איז געפארן מאכן א ברכה אויף די ביימער האט ער געזאגט יא! מען האט געמאכט א ברכה **אבער אונז האמיר גארנישט געגעסן...**

**פרי קינדערגארטן: חיים הערש** האט אהיים געברענגט א צעטל אז מען זאל שיקן מיט די טייערע קינדערלעך לידיגע אראנדזש דזשוס באטלעך האט ער געפרעגט זיין מאמע צו ער איז א "טייערע" קינד? זאגט אים זיין מאמע אוודאי! האט ער געזאגט **דעמאלטס דארף איך טראגן א לידיגע באטל...**

**נוירסערי: יודא לייב** איז אהיים געקומען מאנטאג פון חדר מיט א שטראלנדיגע פנים אז זיין חדר מאכט א **"שבת פארטי" פאר די מאמע'ס...**

ווען מען האט געפרעגט **משה'לע** ביי די שיינע זאך "ווער האט אריינגעלייגט די דיימאנט שטיין אין די פיש? זאגט ער: קיינער האט דאס נישט אריינגעלייגט נאר **"דער פיש האט דאס אליינס איינגעשלינגען...**

ווען די רבי האט געוויזן אז ביי הפקר מאכט מען אויף די טיר ברייט יעדער קען אריין קומען האט **משה ארי'לע** געזאגט מיט הסבר **אזוי ווי ביי אליהו הנביא מאכט מען אויף די טיר ברייט...**

## מזל טוב ווינטשעך

| | | | |
|---|---|---|---|
| **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**קלמן אליעזר ב"ר יואל עקשטיין נ"ו**<br>לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' יואל געלבמאן | **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**יעקב ב"ר יואל מאסרי נ"ו**<br>לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' ברוך הורוויץ און ר' יואל לעבאוויטש | **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**מרדכי ב"ר אליעזר משה ציגעלהיים נ"ו**<br>לכבוד זיין מופן אין די נייע הויז<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' משה נח גאלדשטיין און ר' יעקב מאיר סרוגא | **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**שמואל דוד ישראל ב"ר שלמה יוסף מאלח נ"ו**<br>לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' יצחק אליעזר יאקאב |
| **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**יושע ב"ר יואל פריינד נ"ו**<br>לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' שמואל אברהם גרינפעלד | **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**בעריש ב"ר מרדכי לייב לאנדא נ"ו**<br>לכבוד זיין ברודער איז געווארן א חתן<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער | **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**אשר זאב ב"ר מרדכי מענדל גוטמאן נ"ו**<br>לכבוד זיין ברודערס בר מצוה<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' משה נח גאלדשטיין און ר' יעקב מאיר סרוגא | **ברכת מזל טוב פאר הילד**<br>**הערשל ב"ר עזריאל יאקאבאוויטש נ"ו**<br>לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער<br>ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען<br>ביי ר' שמשון פאגעל און ר' יעקב מאיר סרוגא |

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**